# לייב נײַדוס (1918-1890) דער פֿאַרגעסענער נאַציאָנאַלער דיכטער

## לייבל באָטווייניק

דער נאָמען לייב נײַדוס איז ווייניק באַקאַנט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. בעסער געזאָגט, ער איז ווייניק באַקאַנט אַפֿילו בײַ די וואָס קענען גוט די ייִדישע ליטעראַטור. פֿון צײַט צו צײַט פֿאַרעפֿנט מען זײַנס אַ ליד, אָדער עפּעס ווערט דערמאָנט וועגן אים. אין דער סעריע "מוסטערווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור" וואָס איז דערשינען אין אַרגענטינע, פֿיגורירט נײַדוס אין בוך נומער 5, פֿון סך-הכּל הונדערט ביכער. אַ סימן, אַז ער איז ניט אינגאַנצן פֿאַרגעסן געוואָרן.

די וואָס קענען עפּעס וועגן נײַדוסן, געדענקען אפֿשר די פֿאָלגנדיקע פֿאַקטן :

1) ער איז געווען אַ גראָדנער (ער האָט געוווינט לעבן גראָדנע, אין קוסטין)
2) ער איז געשטאָרבן יונג (צו 28 יאָר, אין יאָר 1918)
3) ער האָט געשריבן אַ סך ליבעלידער

פֿאַקטיש איז דאָס אַלץ גערעכט. אָבער ער איז געווען אַ וועלט פֿאַר זיך אַליין.
אין די עלף יאָר פֿון זײַן שעפֿערישקייט (זײַנע ערשטע לידער זײַנען דערשינען צו 17 יאָר), האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט כּלערליי אַספּעקטן פֿון ייִדישן שאַפֿן. ער האָט דער עיקר[1] געשריבן לידער (פּאָעזיע). צו אַ צוויי-דרײַ לידער האָט ער אַליין געשאַפֿן מוזיק. ער האָט איבערגעזעצט אויף ייִדיש פֿון די בעסטע וועלט פּאָעטן (די לידער פֿלעגט מען נוצן אין די ייִדישע שולן). ער האָט אַפֿילו געהאַט געדרוקט געלונגענע סאַטירעס און פֿעליאַטאָנען[2] אונטער עטלעכע פּסעוודאָנימען. די יוגנט האָט אים זייער ליב געהאַט.

לייב נײַדוס איז געווען יונג, און האָט מיטן פֿולן אימפּעט[3] פֿון זײַן פען אויסגעדריקט זײַנע יוגנטלעכע געפֿילן. ער האָט געשריבן אויף עקזאָטישע טעמעס, וועגן ליבע און וועגן דער נאַטור. אַ טייל פֿון די טעמעס זײַנען ניט געווען לויטן געשמאַק פֿון די "טראַדיציאָנעלע" שרײַבערס. דער אינהאַלט איז געווען ווײַט פֿון צניעותדיקע[4]. דערפֿאַר ווערט זײַן נאָמען אָפֿט פֿאַרבונדן מיט ראָמאַנטיק- און נאַטורלידער (אָדער פֿאַנטאַסטישע לידער). געווען אַזעלכע וואָס האָבן אים אָפֿנערהייט קריטיקירט וואָס די טענער אין זײַנע לידער "קלינגען ניט ייִדישלעך".

דער פֿאַקט אָבער איז, אַז פונקט ווי מיט זײַן אַנדער טעמאַטיק, ווען נײַדוס האָט אָנגעשריבן עפּעס אויף אַ ייִדישער אָדער נאַציאָנאַלער טעמע, האָט ער עס געטאָן אויף אַ גאָר הויכן ניוואָ. קודם כּל, ווײַל ער איז געווען אַ מײַסטער פֿונעם געשריבענעם וואָרט (מע האָט אים אַ נאָמען געגעבן : "דער ווירטואָז פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע"). ער האָט ניט געהאַט זײַנס גלײַכן וואָס שײַך די פֿילפֿאַרביקייט פֿון זײַן שאַפֿן. צווייטנס, ווען ער האָט זיך גענומען צו אַ טעמע, האָט ער עס געטאָן מיט זײַן גאַנצער נשמה, מיט דער גאַנצער תּאווה[5] פֿון יוגנט, ווי דאָס איז געווען זײַן טבֿע[6]. ער האָט עס געטאָן אויף אַ מײַסטערישן אופֿן, און עס איז אַזוי נאַטירלעך אַרויסגעפֿלאָסן פֿון זײַן האַרץ, אַז די רעזולטאַטן זײַנען טאַקע געווען דערשטוינענדיק.

ווען מע זאָל פֿאַרגלײַכן זײַנע "ייִדישע" טעמעס מיט די ווייניקער "ייִדישלעכע", קען מען מיינען, אַז דאָס איז ניט דער זעלבער מענטש, אָדער, אַז דאָס זײַנען צוויי ווײַט אָפּגערוקטע תּקופֿות[7] פֿון זײַן שאַפֿן. ניין, נײַדוס איז געווען, ווי ער האָט זיך אַליין באַשריבן אין זײַנס אַ ליד : "אַ פֿײַער קנויל אינגאַנצן". אַלץ האָט ער געטאָן מיט גרויס "ברען", אַלץ האָט ער געוואָלט פֿאַרזוכן, אַלץ אַרײַנכאַפּן. פונקט ווי ער וואָלט אפֿשר געהאַט פֿאָרויסגעפֿילט, אַז זײַן לעבן וועט זײַן קורץ.

לאָמיר, צום בײַשפּיל, באַטראַכטן עטלעכע שורות פֿון זײַנס אַ ליד "מײַן וועלט", וווּ ער באַשרײַבט זײַן ליטעראַרישער דימיון[8]-וועג פֿון שפּאַצירן אין עקזאָטישע ערטער, און פֿאַרזוכן פֿון די "פֿרוכט" וואָס ער טרעפֿט דאָרט :

**מײַן וועלט**
[פֿראַגמענט]

כ'קען פֿרויען דאָרט ווילדזיניקע,
מיט לײַבער מיט בורשטיניקע,
מיט ליפּן מיט רוביניקע,
ווי זאַפֿטן פֿון גראַנאַט ;
זיי שלענגלען זיך און פֿלאַטערן,
די טעכטער פֿון עקוואַטאָרן,

**Main welt**
[fragment]

ch'ken froien dort wildzinike,
mit laiber mit boersjtinike,
mit lipn mit roebinike,
wi zaftn foen granat;
zej sjlenglen zich oen flatern,
di techter foen ekwatorn,

zej kenen aich farmatern
oen kejnmol blaibn zat

זיי קענען אײַך פֿאַרמאַטערן
און קיינמאָל בלײַבן זאַט.

אין בולטן[9] קאָנטראַסט דערצו, פֿאַרגלײַכט דעם ליד „ייִדישע טעכטער" וווּ נײַדוס שילדערט אויפֿן בעסטן און ערלעכסטן אופֿן אמתע, צניעותדיקע, ייִדישע טעכטער:

**ייִדישע טעכטער**

אָ ליבע, פֿאַרחלומטע, ייִדישע טעכטער,
אין וועמעס געשטאַלטן עס לעבט ניט פֿאַרשטעלט
דער אמתער ייִדישער חן נאָך דער עכטער –
ווי זעלטן מען טרעפֿט אײַך אַצינד אין דער וועלט!

און ניט אין גרויס-שטאָטישן גאַסן-גערודער,
וווּ ס'ליאַרעמט די חוצפּה און פּילדערט און שרײַט,
וווּ ס'לײַגן[10] געזיכטער דורך פֿאַרבן און פּודער
און זנות[11] גייט אַ פֿריילעכן ריקוד[12] פֿאַרשײַט[13], –

ניט דאָרטן געפֿינסטו דעם ווײַבלעכן כּישוף[14]
פֿון ייִדישן שטילן און כּשרן חן,
נאָר ווײַט, אין אַ ווילדן פֿאַרוואָרפֿענעם ישובֿ[15],
וווּ ריין איז די ערד, און דער הימל איז ריין...

דאָרט ווײַט, אין אַ שטעטל אַ קליינס אין דער ליטע, –
דאָרט קענסטו נאָך טרעפֿן דאָס ייִדישע קינד,
וואָס ווייס ניט פֿון רוישיקע שטעט און אַ פּשיטא[16]
פֿון קויטיקער[17] תּאווה און ביליקע זינד...

דאָרט בליט נאָך צומאָל די געהייליקטע תּמימות[18]
אין טונקעלן שאָטן פֿון מיידלשער ברעם;
דאָרט זינגט נאָך די ייִדישע צניעות בנעימות[19]
און ווייס ניט פֿון שטרויכלען און חילול-השם[20]...

אָ, טײַערע, האַרציקע ייִדישע טעכטער
אין וועמען עס אָטעמט געטרײַ, ניט פֿאַרשטעלט,
דער אמתער ייִדישער פֿאָלקס-חן דער עכטער,
אָ איינזאַמע בלומען אין מידבר פֿון וועלט!...



*לייב ניידוס*

**Jidisje techter**

O, libe, farcholemte, jidisje techter,
in wemes gesjtaltn es lebt nit farsjtelt
der emeser jidisjer chen noch der echter –
wi zeltn men treft aich atsind in der welt!

Oen nit in grois-sjtotisjn gasn-geroeder,
woe s'ljaremt di choetspe oen pildert oen sjrait,
woe s'laign gezichter doerch farbn oen poeder
oen znoes gejt a frejlechn rikoed farsjait, kk –
nit dortn gefinstoe dem waiblechn kisjef
foen jidisjn sjtiln oen kosjern chen,
nor wait, in a wildn farworfenem jisjev,
woe rejn iz di erd, oen der himl iz rejn…

Dort wait, in a sjtetl a klejns in der Lite, –
dort kenstoe noch trefn dos jidisje kind,
wos wejs nit foen roisjike sjtet oen a psjite
foen koitiker taiwe oen biliker zind…

Dort blit noch tsoemol di gehejlikte tmimes
in toenkeln sjotn foen mejdlsjer brem;
dort zingt noch di jidisje tsniës benejmes
oen wejs nit foen sjtroichlen oen chilel-hasjem.

O taiere, hartsike jidisje techter
in wemen es otemt getrai, nit farsjtelt,
der emeser jidisjer folks-chen der echter,
o, ainzame bloemen in midber foen welt..!

פונקט פֿאַר אַזעלכע סאָרטן עקזאָטישע ״ניט ייִדישע״ טעמעס ווי אין ״מײַן וועלט״, האָט מען אים קריטיקירט. נײַדוס האָט געענטפֿערט אין אַ ליד (ווי אַנדערש זאָל אַ פּאָעט זיך פֿירן!), וואָס מיר גיבן דאָ אָן בלויז מוסטער פֿראַגמענטן:

**Tsoe ejnem**
[fragment]

Doe zogst: di ferzn zainen
nit loit dem jidisjn gesjmak,
oen s'blondzjen dortn sjainen
foen a gehejmen zodiak…
…
O glejb mir, liber dichter:
ch'hob lib main folk azoi wi doe;
…
Ich wil doerchdem derhejbn
di zel foen folk, wos sjmacht oen kwelt,
oen loitern zain glejbn
in sjtoltser sjejnkejt foen der welt!

**צו איינעם**
[פֿראַגמענטן]

דו זאָגסט: די פֿערזן זײַנען
ניט לויט דעם ייִדישן געשמאַק,
און ס׳בלאָנדזשען דאָרטן שײַנען
פֿון אַ געהיימען זאָדיאַק...

אָ גלייב מיר, ליבער ריכטער
כ׳האָב ליב מײַן פֿאָלק אַזוי ווי דו;

איך וויל דורכדעם דערהייבן
די זעל פֿון פֿאָלק, וואָס שמאַכט און קוועלט,
און לייטערן זײַן גלייבן
אין שטאָלצער שיינקייט פֿון דער וועלט!

אַנדערש געזאָגט, גיט נײַדוס אָן, אַז ער איז ניט ווייניקער נאַציאָנאַל געשטימט פֿאַר זײַנע קריטיקערס. ער האָט אָבער אַ מיין דערבײַ, מיטן אַרײַנפֿירן אַ ביסל ניט ייִדישער ״שײַן״ אין דעם פֿאַרכמאַרנעטן[21] לעבן פֿון דעם אָרעמען גערודפֿטן[22], געפּלאָגטן ייִד. אויב איר ווילט, קען מען דאָס אין אַ געוויסן זין פֿאַרגלײַכן מיט שלום עליכמס שאַפֿן.

אַ שטרענג פֿרומער ייִד האָט זיך מיט מיר אַמאָל צעהיצט איבער דעם וואָס שלום עליכם איז ניט געווען פֿרום, און אין זײַן שרײַבן האָט ער אָפּט אָפּגעלאַכט פֿון געוויסע טראַדיציאָנעלע און אײַנגעפֿונדעוועטע ייִדישע פֿירעכצן. איז מײַן ענטפֿער צו דעם ייִדן געווען, אַז שלום עליכם האָט אַרײַנגעפֿירט, (זאָל הייסן, אַפֿילו ״אַרײַנגעגנבעט״) בײַ יענעם אַ שמייכל, צי גאָר אַ ביסל געלעכטער אינעם שווערן און געוויינטלעך טרויעריקן לעבן פֿון די ייִדן אין מזרח-אייראָפּע און אין אַמעריקע. לאַכן – האָב איך געטענהעט – איז דאָך ״געזונט״. ווי קען מען קריטיקירן ״געזונט״? דער ייִד האָט זיך אײַנגעשטילט.

נײַדוסעס קריטיקער האָבן אים פֿאָרגעוואָרפֿן אַז זײַנע שאַפֿונגען קלינגען מאָדנע, עפּעס ניט ייִדישלעך. אין דער אמתן, האָט ער יע געשריבן אויף נאַציאָנאַלע טעמעס. מיר האָבן פֿון אים לידער און פּאָעמעס וועגן יהודה המכּבי, וועגן כּותל-מערבֿי[23], וועגן יום-טובֿים, פּרײַטיק צונאַכט, חתונה-לידער, און נאָך. מיר האָבן דאָ ניט קיין אָרט אויף צו ברענגען אַפֿילו אַ קלענער טייל פֿון זיי, מוזן מיר זיך באַנוגענען מיט כאָטש נאָך צוויי לידער.

אין דעם לירישן ״צו שפּאַניע״ דריקט ער אויס זײַן פּאָעטישע בענקשאַפֿט צו דער ראָמאַנטישער פּראַכט

פֿון דער שיינער מדינה. גלײַכצײַטיק, אין כּמעט דעם זעלבן אָטעם, שרײַט ער אויס זײַן צער און כּעס אויף די אכזריותן[24] וואָס זײַנען געטאָן צו׳אונדזער פֿאָלק בעת דער אינקוויזיציע.

**צו שפּאַניע**

אָ, דו לאַנד, דו לעגענדאַרעס, לאַנד פֿון בלוט און פֿון גיטאַרעס,
ס׳איז מײַן צפֿון-אויג, מײַן שטאַרעס, צו דײַן פּראַכט שוין לאַנג געווענדט ;
לאַנד ווו ס׳חבֿרן זיך שטראַלן מיט דעם שטאָל פֿון די קינזשאַלן[25],
ווו אין זילבער-קילע קוואַלן שווענקט מען בלוט-געפֿלעקטע הענט...

בײַ פֿאַרנאַכטיקער לבֿנה קניען שטיל פֿאַר דער מאַדאָנע,
מורמלען תּפֿילות מאָנאָטאָנע און, פֿאַרלאָזנדיק גאָטס היים,
ווען די שאָטנס ווערן גרעסער, ווען עס שלאָפֿן בוים און שלעסער,
ווילד אַרײַנשטעכן אַ מעסער אין אַ מענטשן-ברוסט געהיים...

צווישן שענסטע ביימער-רייען, צווישן פּראַכט פֿון אָרכידעען,
ברענען אויטאָ-דאַ-פֿעען, קנאַקן שײַטערס פֿרעך און דרײַסט,
און בײַם גלעקלעך-קלאַנג פֿון סטאַדעס, בײַם געזאַנג פֿון סערענאַדעס,
שטײַגט דער שאָטן טאָרקוועמאַדאָס, דער אַכזריותדיקסטער[26] גײַסט!

לאַנד פֿון זוניקע רובינען און פֿון שטרענגע קאַפּוצינען,
ביסט אַ רעטעניש פֿאַר מײַן זינען, ביסט דער פֿאַרבנדיקסטער סוד.
לאַנד ווו ס׳חבֿרן זיך שטראַלן מיט דעם שטאָל פֿון די קינזשאַלן,
ווו אויף בלוט פֿון ווונדן פֿאַלן בלעטער דופֿטיקע פֿון סאָד[27]!...

**Aan Spanje**

O land, jij legendarisch land van bloed en van gitaren,
hoe vaak richtte mijn noordse blik zich op jouw pracht;
land waar zich het staal van ponjaard paart aan zonnestralen,
en men in zilverkoele bronnen bloedbevlekte handen wast…

Onder het avondmaanlicht knielt men stil voor de Madonna
met monotoon geprevel, om na het verlaten van de tempel Gods,
als elke schaduw lengt, en bos en beemden slapen,
onverwacht en bruut een mes te steken in een mensenborst.

Tussen weelderige orchideeën, en lanen vol platanen
laaien brandstapels en kraakt het martelbed.
Onder het schapenbelgerinkel en zang van serenades
rijst de schim van Torquemada, zijn wrede silhouet.

Land van fonklende robijnen en strenge kapucijnen,
je bent een raadsel voor mijn brein, een mysterieus palet,
land waar zich het staal van ponjaard paart aan zonnestralen,
en bloed van zoveel wonden schuil gaat onder geurend bladerdek.

*Vertaling: Willy Brill*

מיר פֿאַרענדיקן מיט נײַדוסעס שטורמישן רוף צום געפלאָגטן ייִדישן פֿאָלק :

**צו מײַן פֿאָלק**

שטיי אויף דער וואַך!
האָט דיך די שעה פון נסיון[28] געטראָפֿן,
נעם און באַפֿריש די פֿאַרראָסטעטע וואָפן,
מאַך ניט די אויגן צו, לייג דיך ניט שלאָפֿן –
שטיי אויף דער וואַך!

זײַ ווי אַ פֿעלדז!
דער וואָס פֿאַרשטייט נאָר זײַן אומגליק – דער קאָן עס.
ליאַרעמען בייז מעג דער ים פֿון סכּנות[29],
שטיי ווי פֿאַרגליווערט אין שטרענגער עקשנות[30] –
זײַ ווי אַ פֿעלדז!

היט דײַן פֿאַרמעגן!
זײַ פֿאַר דײַן בנין[31] אַ שומר[32], אַ טרײַער,
שיץ זײַנע אוצרות[33] פֿון גיהנומשן[34] פײַער,
שיץ דײַנע פערל וואָס זײַנען דיר טײַער -
היט דײַן פֿאַרמעגן!

בעטל קיין טרייסט!
גרויס איז דער וויי פֿון דײַן גרויסער נשמה,
בעט ניט בײַ קיינעם קיין שטראַל פֿון נחמה[35],
מאַך ניט דײַן שטאָלץ און דײַן הייליקייט טמא[36] –
בעטל קיין טרייסט!

גלייב אין דײַן קראַפֿט!
מעג זײַן דײַן קערפּער צעוווּנדעט, צעשטאָכן,
גלייב אין דײַן עתיד[37] מיט פֿעסטן בטחון[38],
גלייב אין דײַן קינפֿטיקן גרויסן נצחון[39] –
גלייב אין דײַן קראַפֿט!

**Tsoe main folk**

Sjtej oif der wach!
Hot dich di sjo foen nisojen getrofn,
nem oen bafrisj di farrostete wofn,
mach nit di oign tsoe, lejg dich nit sjlofn -
Sjtej oif der wach!

Zai wi a feldz!
Der wos farsjtejt nor zain oemglik, der kon es.
Liaremen bejz meg der jam foen sekones,
sjtej wi fargliwert in sjtrenger aksjones –
Zai wi a feldz!

Hit dain farmegn!
Zai far dain binjen a sjoimer, a traier,
sjits zaine oitsres foen gehenemsjn faier,
sjits daine perl wos zainen dir taier –

Hit dain farmegn!
Betl kejn trejst!
Grois iz der wej foen dain groiser nesjome,
bet nit bai kejnem kejn sjtral foen nechome,
mach nit dain sjtolts oen dain hejlikejt tome –
Betl kejn trejst!

Glejb in dain kraft!
Meg zain dain kerper tsewoendet, tsesjtochn,
glejb in dain osed mit festn bitochn,
glejb in dain kinftikn groisn nitsochn –
Glejb in dain kraft!

[1] דער עיקר vooral
[2] פֿעליאַנטאָנען feuilletons
[3] אימפעט elan
[4] צניאותדיק deugdzaam, kuis
[5] תּאווה hartstocht
[6] טבֿע aard
[7] תּקופֿות perioden
[8] דימיון fantasie
[9] בולט opvallend
[10] לײַגן liegen
[11] זנות liederlijkheid
[12] ריקוד dans
[13] פֿאַרשײַט uitgelaten
[14] כּישוף betovering
[15] ישובֿ dorp
[16] אַ פשיטא nog minder
[17] קויטיק vuil
[18] תּמימות onschuld
[19] בנעימות gracieus
[20] חילול-השם blasfemie
[21] פֿאַרכמאַרנעט bewolkt, somber
[22] גערודפֿט vervolgd
[23] כותל-המערבֿי Klaagmuur
[24] אכזריות wreedheid
[25] קינזשאַל dolk
[26] אכזריותדיק wreed
[27] סאָד boomgaard
[28] נסיון beproeving
[29] סכּנות gevaren
[30] עקשנות vastberadenheid
[31] בנין gebouw
[32] שומר wachter
[33] אוצרות schatten, rijkdom
[34] גיהנומש hels
[35] נחמה troost
[36] טמא onrein
[37] עתיד toekomst
[38] בטחון vertrouwen
[39] נצחון overwinning

■

## לייבל באָטווינִיק

**ייִדישער שרײַבער פֿון דעם נײַעם דור**

לייבל באָטווינִיק איז געבוירן און אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע.
דאָרט האָט ער זיך געלערנט אין די ייִדישע טאָג-שולן, און אָנגעהויבן פֿרי זיך אויסצייכענען אין שרײַבן אויף ייִדיש, און בכלל אָנטיילנעמען אין דער אָרטיקער רײַכער ייִדיש-ייִדישער קולטורלעבן. אונטערן אײַנפֿלוס פֿון זײַן פֿאָטער דוד, א מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר פֿון ווילנע, האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זיך אַ רײַכן קולטור-אוצר פֿון ייִדיש-ייִדישן וויסן, סײַ אין וואָרט, סײַ אין ליד, און באַקומען אַן אומבאַזיגלעכן קעמפערישן אָפּטימיזם לגבי דער צוקונפֿט פֿון ייִדיש לעבעדיק גערעדט לשון.

לייבל איז עולה געווען קיין ארץ-ישׂראל אין יאָר 1989. ער האָט דאָ חתונה געהאַט מיט אַ ייִדיש מיידל פֿון אַ גוטער משפּחה פֿון די מיזרח-עדות, און געבויט אַ היים באַזירט אויף ייִדיש, ייִדישקייט און גוט אײַנגעוואָרצלטע ייִדישע נאַציאָנאַלע פּרינציפּן.

פֿון פֿאַך אַ קאָמפּיוטער-וויסנשאַפֿטלער, פֿאַרנעמט ער זיך אין זײַן פֿרײַער צײַט מיט ייִדיש לשון און קולטור, און מיטן איבערגעבן די ווײַטערדיקע דורות אַ ליבשאַפֿט צו מאַמע-לשון. מיט זײַנע אייגענע קינדער רעדט ער ייִדיש – און מיט יעטוועדן, ווער עס וויל און קען, יונג צי אַלט. ער פֿירט אָן מיטן ייִדישקרײַז פֿון נתניה, און פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון צײַט צו צײַט אַן אַרטיקל, קאָמענטאַר, ליד, צי מעשׂה אויף ייִדיש – סײַ אין דער ייִדישער פּרעסע, סײַ איבערן אינטערנעץ.

■

# Lejb Naidoes (1890 – 1918)

## De vergeten nationale dichter – samenvatting

Bij lezers van Jiddisje literatuur, met name van Jiddisje poëzie, blijkt de dichter Lejb Naidoes geringe bekendheid te genieten, ondanks het feit dat in de serie Moesterwerk van de Jiddisje literatuur, uitgegeven in Argentinië, het vijfde deel van in totaal honderd delen geheel gewijd is aan zijn werk. Een vergeten dichter mag hij dus niet genoemd worden.

Toch blijkt de kennis van degenen die wel iets van Naidoes hebben gelezen zich te beperken tot drie aspecten:
hij is afkomstig uit Grodno;
hij is jong gestorven, werd achtentwintig jaar;
hij schreef liefdespoëzie.

Maar Naidoes betekent meer. Vanaf de aanvang van zijn schrijversarbeid heeft hij zich op een veel ruimer terrein van de literatuur gemanifesteerd. Op zeventienjarige leeftijd schreef hij zijn eerste gedichten. Bij enkele componeerde hij muziek. Hij vertaalde poëtisch werk van vrijwel alle grote dichters uit de wereldliteratuur in het Jiddisj. Hij schreef satires en feuilletons.

Hij schreef gepassioneerd, met jeugdig elan, en zijn opmerkelijk natuurlijke toon leek regelrecht uit zijn hart te komen. Bij de jongeren van zijn generatie was hij zeer geliefd.

Minder goed vielen zijn verzen bij zijn 'traditionele' collega-schrijvers, vooral de exotische thema's en natuurbeschrijvingen. Ze vonden hem wulps en extravagant, en bekritiseerden zijn werk openlijk als 'liederen zonder Jiddisje smaak'. Vanwege zijn grote taalbeheersing werd Naidoes desondanks 'de virtuoos van de Jiddisje poëzie' genoemd.

In zijn vers 'Mijn wereld' geeft de dichter een blik in zijn fantasiewereld waarin exotische vrouwen een rol spelen. Ze fonkelen als robijnen, als barnsteen en agaat. Hij kan er geen genoeg van krijgen. In groot contrast daarmee staat het gedicht 'Joodse dochters', waarin hij de jonge joodse meisjes in de kleine sjtetls van Litouwen schildert en hun ongekunsteldheid en ware joodse gratie roemt

Tegen de kritiek als zou hij 'niet joods' schrijven verweert hij zich in het gedicht 'Aan iemand'. Hij doet dat met woorden van de volgende strekking: U zegt dat mijn verzen geen joodse smaak hebben, dat ze zwemen naar sterrenwichelarij. Geloof me, waarde dichter, ik heb mijn volk even lief als u.



לייב ניידוס (לינקס) לייענט פאַר זיין חבר אַברהם זאַק אַ ניי ליד (גראָדנע 1917)

*Lejb Naidoes (links) leest zijn vriend Awram Zak een nieuw lied voor (Grodno1917)*

Naidoes streefde ernaar de ziel van zijn volk te verheffen, wat meer licht en wereldlijke glans te brengen in het sombere leven van zijn geplaagde volk, een streven dat zelfs te vergelijken is met de intenties van een Sjolom Alejchem, die aan zijn lezers een glimlach ontlokt om hun vaak treurige bestaan wat op te vrolijken. Want 'lachen is gezond'.

In Naidoes' werk zijn ruimschoots nationale thema's te vinden. Hij wijdde gedichten aan Jehoeda Hamakabi, de Klaagmuur, feestdagen, sjabbesavond, huwelijksfeesten en dergelijke.

Zijn poëtische hartstocht en virtuositeit komen onder andere tot uitdrukking in het gedicht 'Aan Spanje', waarin zijn bewondering voor de romantische pracht van dat land gepaard gaat met woede en verdriet over de wreedheden van de Inquisitie.

Een treffend beeld van Naidoes' gezindheid is ten slotte te lezen in zijn gedicht *Aan mijn volk.*